בעזרת השם יתברך

ספר

# אֲשֶׁר הָיָה אֶל יוֹאֵל

דברות קודש וואס מיר האבן געהאט די זכיה צו הערן פונעם ראש ישיבה שליט"א שבת קודש פרשת בהעלותך, שנת תשפ"א לפרט קטן; ביים שיעור אין ספר הקדוש 'פעולת הצדיק' און ביי 'סעודה שלישית'.

ארויסגעגעבן דורך
"קרן הדפסה היכל הקודש"

צו באקומען די און אנדערע ספרים און קונטריסים:

**היכל הקודש קרית ברסלב ליבערטי**
Heichal Hakodesh
Kiryas Breslev
181 Huschke Road
Liberty NY 12747

**היכל הקודש וויליאמסבורג**
Heichal Hakodesh
Williamsburg
27 Skillman Street
Brooklyn NY 11205
1-718-384-1652

**היכל הקודש קרית יואל**
Heichal Hakodesh
Kiryas Joel
8 Hayes Ct.
Monroe NY 10950
1-845-467-5299

**היכל הקודש קרית יואל**
Heichal Hakodesh
Kiryas Joel
8 Premishlan Way.
Monroe NY 10950
1-845-243-0563

**היכל הקודש בארא פארק**
Heichal Hakodesh
Boro Park
1011 41 Street
Brooklyn NY 11219
1-718-384-1652

**היכל הקודש מאנסי**
Heichal Hakodesh
Monsey
32 Dolson Road
Monsey NY 10952
1-347-733-7551

www.BreslevCenter.com

צו הערן די הערליכע שיעורים
פונעם ראש ישיבה שליט"א רופט:

**קול ברסלב**
**212-444-9191**

**חיזוק פאר די אידישע שטוב**
**212-444-9169**

**חיזוק יומי**

**צו באקומען די חיזוק יומי**

**אימעיל**
chizikyomi@gmail.com

**טעלעפאון מעסידזשינג**
347-630-2876

# שבת קודש פרשת בהעלותך, שנת תשפ"א לפרט קטן, אינדערפרי פאר'ן דאווענען האט דער ראש ישיבה שליט"א ממשיך געווען דעם שיעור אין ספר הקדוש פעולת הצדיק, פון סימן תשנה ביז סימן תשנח.

סימן תשנה: אַחַר־כָּךְ חָזַר רֶבִּי יַעֲקֹב מִמֶּעדְוֶודִיבְקֶע הַנַּ"ל (עַיֵּן לְעֵיל סִימָן תשמ"ז) אֶל רַבֵּנוּ זַ"ל וְהִצִּיעַ לוֹ כָּל פְּרָטֵי הַהַדְפָּסָה. וְשָׁלַח רַבֵּנוּ זַ"ל אֶת רֶבִּי דָּוִד, אֶחָד מֵאֲנָשָׁיו, אֶל עִיר בְּרֶסְלֶב, שֶׁיִּתְקַשֵּׁר מִשָּׁם עִם רֶבִּי נָתָן, (שֶׁשָּׁהָה כָּל הַזְּמַן בָּעִיר מָאהֲלוֹב), כְּדֵי שֶׁהוּא יְסַדֵּר שַׁעַר וְהַקְדָּמָה, וְכֵן עָשָׂה. וּבָא רֶבִּי דָּוִד אֶל עִיר בְּרֶסְלֶב, וּמִשָּׁם נִתְקַשֵּׁר רֶבִּי נַפְתָּלִי עִם רֶבִּי נָתָן. וּבָא רֶבִּי נָתָן אֶל עִיר בְּרֶסְלֶב סָמוּךְ לְפוּרִים, וְרַבִּי נַפְתָּלִי וְרַבִּי דָּוִד עוֹדְדוּ אוֹתוֹ, שֶׁיִּסַּע עִמָּהֶם אֶל רַבֵּנוּ זַ"ל, כִּי רַבֵּנוּ זַ"ל דִּבֵּר פַּעַם אַחַת כָּל הַלַּיְלָה מֵהַדְפָּסַת סִפְרוֹ וְרוֹצֶה, שֶׁיֻּדְפַּס וְיִתְפַּשֵּׁט בָּעוֹלָם וְכוּ'. אַךְ רֶבִּי נָתָן לֹא הָיָה יָכוֹל בְּשׁוּם אֹפֶן, כִּי הָיוּ לוֹ אָז מְנִיעוֹת רַבּוֹת מֵאִשְׁתּוֹ וּמֵחוֹתְנוֹ וּמִכָּל מִשְׁפַּחְתּוֹ, וְהָיָה אִי־אֶפְשָׁר לוֹ לְשַׁבֵּר מְנִיעוֹת כָּאֵלּוּ וּבִפְרָט לִנְסֹעַ לְמֶרְחַקִּים כָּאֵלּוּ עַד לֶעמְבֶּרְג.

רבי נתן זכרונו לברכה איז דעמאלט אריבער גאר שווערע מניעות איבער זיין התקרבות צום הייליגן רבי'ן, פון זיין ווייב, פון זיין שווער און פון זיין גאנצע משפחה, דערפאר האט ער נישט געקענט פארן קיין לעמבערג צו דרוקן דעם הייליגן ספר 'ליקוטי מוהר"ן'; היינט ווען מען טראכט אריין דערין קען מען זיך וואונדערן: 'פארוואס האט רבי נתן נישט איבערגעלאזט זיין ווייב און געפארן דרוקן דעם הייליגן ספר?!, דער ספר באלייכט דאך די וועלט, נישט נאר אין יענע צייט נאר אין אלע שפעטערדיגע דורות ביז משיח וועט קומען!' אבער אזוי איז עס שטענדיג מיט אלע מניעות, בשעת מען האט די מניעות זעט אויס ווי מען קען עס נישט צעברעכן, ערשט שפעטער ווען די מניעות ווערן בטל דעמאלט טראכט מען צוריק 'וואס איז אזוי שווער געווען די מניעות?'...

עַל־כֵּן הִשְׁתַּמֵּט מֵהֶם רַק סִדֵּר אֶת הַשַּׁעַר וְכֵן כָּתַב הַקְדָּמָה וְעוֹד תִּקֵּן

הַרְבֵּה תִּקּוּנִים בַּסֵּפֶר בְּמָקוֹם שֶׁהָיָה צָרִיךְ תִּקּוּן, וְאַחַר־כָּךְ חָזַר לְבֵיתוֹ לָעִיר מָאהַלוֹב. וְרַבִּי דָּוִד נִפְגַּשׁ עִם רַבִּי יַעֲקֹב מִמֶּעדְוֶודִיבְקֶע, שֶׁעָלָיו הִטִּיל רַבֵּנוּ זַ״ל אֶת הַשְּׁלִיחוּת לְהַדְפִּיס אֶת סִפְרוֹ, וְהוּא לָקַח אֶת כָּל הַסֵּפֶר עִם הַשַּׁעַר וְהַהַקְדָּמָה וְכָל הַתִּקּוּנִים וְנָסַע מִשָּׁם לָעִיר אוֹסְטְרְהָא וְהִתְחִיל לַעֲסֹק בְּהַדְפָּסַת הַסֵּפֶר הַקָּדוֹשׁ וְהַנּוֹרָא ״לִקּוּטֵי־מוֹהֲרַ״ן״.

סימן תשנו: עַל חַג הַפּוּרִים: בָּא רַבִּי שִׁמְעוֹן אֶל רַבֵּנוּ זַ״ל וְשָׁהָה אֶצְלוֹ כָּל הַשָּׁבוּעַ שֶׁקּוֹדֶם פּוּרִים וְאַחַר פּוּרִים. וּמֵחֲמַת שֶׁרַבִּי שִׁמְעוֹן הָיָה קָרוֹב מְאֹד עִם רַבֵּנוּ זַ״ל, שֶׁקּוֹרִין הֵיימִישׁ (חֶבְרוּתִי) [כִּי הָיָה הַמְקֹרָב הָרִאשׁוֹן שֶׁלּוֹ, עַיֵּן לְעֵיל סִימָן ס״ז], עַל־כֵּן הָיָה נִכְנָס בְּכָל פַּעַם אֶל חֶדֶר רַבֵּנוּ זַ״ל וְהָיָה עַיֵּיל בְּלָא בַּר (נִכְנָס וְלֹא יוֹצֵא, כְּלוֹמַר, מָתַי שֶׁרוֹצֶה). וּבְאַחַד הַיָּמִים הוּא בָּא אֶל רַבֵּנוּ זַ״ל וּמָצָא, שֶׁרַבֵּנוּ זַ״ל סָגוּר בְּחַדְרוֹ הַמְיֻחָד לוֹ, וְאִי־אֶפְשָׁר לוֹ לְהִכָּנֵס, רַק שָׁמַע מִבַּעַד הַדֶּלֶת, שֶׁרַבֵּנוּ זַ״ל בּוֹכֶה הַרְבֵּה מְאֹד מְאֹד בְּקוֹל גָּדוֹל. וְעָמַד רַבִּי שִׁמְעוֹן עַל־יַד הַדֶּלֶת מָלֵא פַּחַד וּרְעָדָה וְלֹא יָדַע מַה זֶּה וְעַל מַה זֶּה. וּפִתְאֹם פָּתַח רַבֵּנוּ זַ״ל אֶת הַדֶּלֶת וְקָרָא לְרַבִּי שִׁמְעוֹן, שֶׁיִּכָּנֵס, וְדִמְעָתוֹ עַל לֶחְיָיו, וְנֶאֱנַח רַבֵּנוּ זַ״ל מְאֹד וְאָמַר: ״אוֹי לִי! אֵין לִי עִם מִי לְהִתְיַעֵץ!״ וְשָׁאַל אוֹתוֹ רַבִּי שִׁמְעוֹן בִּרְעָדָה: ״רַבִּי, מַה קָּרָה?״ וְסִפֵּר לוֹ רַבֵּנוּ זַ״ל: ״יֵשׁ לִי סֵפֶר בְּבֵיתִי, שֶׁאִבַּדְתִּי אֶת אִשְׁתִּי הָרִאשׁוֹנָה וּבָנַי בִּשְׁבִיל זֶה, כִּי מָסַר נַפְשׁוֹ בַּעֲבוּר סֵפֶר זֶה. וְעַכְשָׁו אֵינוֹ יוֹדֵעַ מַה לַּעֲשׂוֹת, כִּי הוּא רוֹאֶה, שֶׁהוּא צָרִיךְ לְהִסְתַּלֵּק כָּאן בְּעִיר לֶעמְבֶּרְג. אַךְ נִתְגַּלָּה לוֹ, שֶׁבְּאִם יִשָּׂרֵף זֶה הַסֵּפֶר, יָכוֹל לִחְיוֹת עוֹד״. [וְעַל־כֵּן הָיָה רַבֵּנוּ זַ״ל מְסֻפָּק וְלֹא יָדַע לָתֵת עֵצָה בְּנַפְשׁוֹ מַה לַּעֲשׂוֹת, כִּי הָיָה צַר לוֹ מְאֹד לִשְׂרֹף זֶה הַסֵּפֶר הַקָּדוֹשׁ וְהַנּוֹרָא מְאֹד אֲשֶׁר מָסַר נַפְשׁוֹ בַּעֲבוּרוֹ וְאִבֵּד אִשְׁתּוֹ וּבָנָיו בַּעֲבוּרוֹ, וְזֶה הָיָה הַסֵּפֶר הַנַּ״ל (בְּסִימָן תקפח). וְעֹצֶם קְדֻשַּׁת וְנוֹרָאוֹת שֶׁל זֶה הַסֵּפֶר, אִי־אֶפְשָׁר לְדַבֵּר מִזֶּה כְּלָל. וְאִם הָיָה נִשְׁאַר זֶה הַסֵּפֶר בָּעוֹלָם, הָיוּ רוֹאִין גְּדֻלַּת רַבֵּנוּ זַ״ל, עַיִן לֹא רָאֲתָה וְכוּ׳ עַיִן בְּעַיִן, כִּי הָיָה סֵפֶר נוֹרָא וְנִפְלָא עַד מְאֹד].

דער רבי איז געווען מסופק וואס צו טון, זאל ער דרוקן דעם ספר? –

וועט ער דארפן אוועקגיין פון די וועלט, זאל ער פארברענען דעם ספר? ער האט דאך שוין אוועקגעגעבן דערפאר זיין ווייב און קינדער, און אויב פארברענען וואלט ער דאך דאס שוין געקענט טון אין אנהייב און זיי נישט פארלירן.

וְתֵכֶף־וּמִיָּד בִּשְׁמֹעַ רֶבִּי שִׁמְעוֹן זֹאת אָמַר לְרַבֵּנוּ זַ"ל: "בְּוַדַּאי בְּלִי שׁוּם סְפֵקוֹת, אִם יֵשׁ אֵיזוֹ סְבָרָה, שֶׁחַיֵּיכֶם תְּלוּיִים בָּזֶה, בְּוַדַּאי טוֹב יוֹתֵר לִשְׂרֹף הַסֵּפֶר, כְּדֵי שֶׁיִּשָּׁאֲרוּ בַּחַיִּים עִמָּנוּ!" וְהֵשִׁיב לוֹ רַבֵּנוּ זַ"ל בִּבְכִיָּה: "כֵּן הוּא, וְנָכוֹן הַדָּבָר אֲשֶׁר, שֶׁאִם יִשָּׂרֵף זֶה הַסֵּפֶר, יִהְיֶה לִי עוֹד אַרְכָּא לִחְיוֹת בָּעוֹלָם הַזֶּה עוֹד אֵיזֶה זְמַן, אֲבָל אַף־עַל־פִּי־כֵן צַר לִי מְאֹד לְשָׂרְפוֹ, כִּי אֵין אַתָּה, רֶבִּי שִׁמְעוֹ'לֶע, (כָּךְ קָרָא לוֹ רַבֵּנוּ זַ"ל), יוֹדֵעַ גֹּדֶל יִקְרַת קְדֻשָּׁתוֹ שֶׁל זֶה הַסֵּפֶר, וְאָנֹכִי אִבַּדְתִּי בַּעֲבוּר סֵפֶר זֶה אִשְׁתִּי הָרִאשׁוֹנָה וּבָנַי וְכַמָּה יִסּוּרִים עֲצוּמִים סָבַלְתִּי כְּבֹר בַּעֲבוּר זֶה!" וּבְתוֹךְ דְּבָרָיו בָּכָה רַבֵּנוּ זַ"ל הַרְבֵּה מְאֹד מְאֹד. וּבְתוֹךְ שֶׁהֵם מְדַבְּרִים יַחַד, הַיְנוּ רַבֵּנוּ עִם רֶבִּי שִׁמְעוֹן, בָּא הַדּוֹקְטוֹר אֶל רַבֵּנוּ זַ"ל. וְנִבְהַל הַדּוֹקְטוֹר מְאֹד וְאָמַר לְרַבֵּנוּ זַ"ל: "הֲלֹא אָסוּר לָכֶם עַכְשָׁו לִבְכּוֹת כָּל־כָּךְ וּלְבַלְבֵּל אֶת הָרֵאָה שֶׁלָּכֶם?" וְרַבֵּנוּ זַ"ל לֹא עָנָהוּ, וְהָלַךְ לוֹ הַדּוֹקְטוֹר, רַק אָמַר לְרַבִּי שִׁמְעוֹן, שֶׁלֹּא יַעֲזֹב אֶת רַבֵּנוּ זַ"ל וְלֹא יִתֵּן לוֹ לִבְכּוֹת כָּל־כָּךְ. וְרַבִּי שִׁמְעוֹן לֹא הָיָה יָכוֹל לְדַבֵּר עִם רַבֵּנוּ מֵרֹב צַעַר וּכְאֵב לִבּוֹ, אֵיךְ שֶׁרָאָה בְּכִיַּת רַבֵּנוּ זַ"ל, שֶׁבָּכָה וְהוֹרִיד דְּמָעוֹת כְּנַחַל. וּבְתוֹךְ בְּבֵיתוֹ עָנָה וְאָמַר רַבֵּנוּ זַ"ל לְרַבִּי שִׁמְעוֹן: "אוֹיבּ אַזוֹי, זָאל זַיין וִוי דוּ זָאגְסְט! (אִם כָּךְ, שֶׁיִּהְיֶה, כְּמוֹ שֶׁאַתָּה אוֹמֵר!), אִם כֵּן אֵיפֹה הֵא לְךָ הַמַּפְתֵּחַ שֶׁל הַקָּאמַאדֶע (הַשִּׁידָה־אָרוֹן) שֶׁלִּי, וְלֵךְ מַהֵר, חוּשָׁה, אַל תַּעֲמֹד וּשְׂכֹר עֲגָלָה לָעִיר בְּרֶסְלֶב, וְאַל יַעַצָרְךָ הַגֶּשֶׁם וְהַשֶּׁלֶג, וְרוּץ מְהֵרָה, חוּשָׁה לָעִיר בְּרֶסְלֶב וְתָבוֹא לְשָׁם וְתִכָּנֵס אֶל בֵּיתִי, וְשָׁם בְּהַקָּאמַאדֶע מֻנַּחַת סֵפֶר אֶחָד בִּכְתִיבַת יָדִי, וְעַל יַד הַקָּאמַאדֶע מֻנַּחַת הַתֵּבָה שֶׁל בֵּית אָדְל, וְשָׁם מֻנָּח עוֹד סֵפֶר אֶחָד, וְהִיא הַהַעְתָּקָה שֶׁל הַסֵּפֶר הַזֶּה, שֶׁהֶעְתִּיק לְפָנַי רַבִּי נָתָן. וְתִקַּח אֶת שְׁנֵיהֶם וְתִשְׂרֹף אוֹתָם. וְהִנֵּה, רֶבִּי שִׁמְעוֹ'לֶע, אֲנִי מַזְהִיר אוֹתְךָ מְאֹד מְאֹד,

**לְבַל תִּהְיֶה חָכָם בָּזֶה וְאַל תְּשַׁנֶּה כְּלוּם מִכָּל אֲשֶׁר הִזְהַרְתִּיךָ, כִּי חַיַּי תְּלוּיִים בָּזֶה, וְאַל יַעֲלֶה בְּדַעְתְּךָ לְהַשְׁאִיר אֵלּוּ עָלִים מִסֵּפֶר זֶה!״**

דאס איז א גרויסע וואונדער, אין אנהייב איז דער רבי געווען מסופק צי ער זאל דרוקן דעם ספר אדער ער זאל עס פארברענען, אבער ווי נאר ער האט באשלאסן עס צו פארברענען איז דער רבי געווארן זייער שטארק מיט דעם, און האט זייער אנגעווארנט דעם רבי שמעון ער זאל נישט זיין קלוגער, ער זאל נישט איבער לאזן אפילו איין בלעטל דערפון, ווי אזוי האט ער זיך געטוישט אזוי שנעל צו ווערן אזוי שטארק מיט דעם אז מען דארף עס פארברענען? נאר דאס איז ׳התבודדות׳; ווען א מענטש איז מסופק אין א זאך וואס ער זאל טון, אזוי צי אזוי, דארף ער דאס אויסשמועסן מיט׳ן אייבערשטן, ער זאגט פאר׳ן אייבערשטן: ״הייליגער באשעפער איך ווייס נישט וואס צו טון, זאל איך אזוי טון אדער אזוי טון, אז איך וועל טון אזוי - אפשר איז נישט גוט צוליב דעם וכו׳, און אז איך וועל טון אזוי - אפשר איז דאס אויך נישט גוט צוליב דעם וכו׳, אזוי שמועסט מען אויס די גאנצע ספק פאר׳ן אייבערשטן מיט אלע צדדים ארום, און ווי נאר דער אייבערשטער לייגט אריין אין קאפ ווי אזוי צו טון, דארף מען זיין זייער שטארק אז דאס איז א ענטפער פונעם אייבערשטן, און דאס וועל איך טון מיט א שטארקקייט, דעריבער נאכדעם וואס דער רבי האט אסאך געבעטן דעם אייבערשטן ער זאל וויסן וואס צו טון, און ער האט באשלאסן עס צו פארברענען - איז ער געווען זייער שטארק און זיכער מיט דעם, אן קיין שום ספיקות און בלבולים דערין.

וְתֵכֶף־וּמִיָּד הִבְטִיחַ רַבִּי שִׁמְעוֹן לְרַבֵּנוּ זַ״ל, שֶׁיַּעֲשֶׂה כְּכָל אֲשֶׁר צִוָּהוּ. וְרָץ רַבִּי שִׁמְעוֹן לַחוּץ בִּבְהָלָה וְשָׂכַר עֲגָלָה אַחַת בְּיֹקֶר גָּדוֹל, שֶׁתִּקַּח אוֹתוֹ לָעִיר בְּרֶסְלֶב וְהִתְחִיל לִנְסֹעַ. וּכְשֶׁהִגִּיעַ לָעִיר דַאשִׁיב, שֶׁהִיא סָמוּךְ לָעִיר בְּרֶסְלֶב, נָפַל רַבִּי שִׁמְעוֹן פִּתְאֹם עַל הָאָרֶץ שָׁם וְהִתְעַלֵּף וְנַחֲלָה מְאֹד, כִּמְעַט

שֶׁגָּנַע אָז. וְהֵבִין תֵּכֶף־וּמִיָּד, שֶׁהֲלֹא דָּבָר הוּא, [וְהַבַּעַל־דָּבָר רוֹצֶה לְמָנְעוֹ מִלְּקַיֵּם דִּבְרֵי רַבֵּנוּ זַ"ל, כַּיָּדוּעַ לָנוּ כְּבָר, שֶׁעַל כָּל דָּבָר קָטָן, שֶׁצִּוָּה רַבֵּנוּ זַ"ל לַעֲשׂוֹת, יֵשׁ עַל־זֶה אֲלָפִים וּרְבָבוֹת מְנִיעוֹת גְּדוֹלוֹת מְאֹד, בִּפְרָט עַל דָּבָר גָּדוֹל כָּזֶה, שֶׁכָּל חַיֵּי רַבֵּנוּ זַ"ל תְּלוּיִים בָּזֶה), עַל־כֵּן צִוָּה רֶבִּי שִׁמְעוֹן לְכַמָּה אֲנָשִׁים, שֶׁעָמְדוּ סְבִיבוֹ, שֶׁיָּרִימוּ וְיַנִּיחוּ אוֹתוֹ כָּךְ כְּמוֹ שֶׁהוּא עַל הָעֲגָלָה וְיוֹבִילוּ אוֹתוֹ עַד עִיר בְּרֶסְלֶב. וְכַוָּנָתוֹ הָיְתָה, אֲפִלּוּ שֶׁהוּא צָרִיךְ חַס וְשָׁלוֹם לָמוּת, לְפָחוֹת יַגִּיעַ לָעִיר בְּרֶסְלֶב וְשָׁם יְצַוֶּה אֶת מִישֶׁהוּ, שֶׁיְּקַיֵּם אֶת רְצוֹן רַבֵּנוּ זַ"ל. וְכֵן עָשׂוּ וְהִנִּיחוּ אוֹתוֹ עַל הָעֲגָלָה כְּמוֹ שֶׁהוּא, אַף שֶׁהַרְבֵּה אֲנָשִׁים רָצוּ לְעַכְּבוֹ: "אֵיךְ תּוּכְלוּ לִנְסֹעַ בְּסַכָּנַת נְפָשׁוֹת כָּזוֹ, כִּמְעַט שֶׁתִּגְוְעוּ חַס וְשָׁלוֹם?! אֲבָל הוּא הִתְעַקֵּשׁ מְאֹד וְנָסַע מִשָּׁם. וְתֵכֶף־וּמִיָּד כְּשֶׁנִּכְנְסָה הָעֲגָלָה אֶל עִיר בְּרֶסְלֶב, תֵּכֶף הִבְרִיא, כְּמוֹ שֶׁלֹּא אֵרַע עִמּוֹ דָּבָר. וְתֵכֶף נִכְנַס אֶל דִּירַת רַבֵּנוּ זַ"ל, (כִּי רַבֵּנוּ זַ"ל נָתַן לוֹ הַמַּפְתֵּחַ), וְלָקַח אֶת שְׁנֵי הַסְּפָרִים וּשְׂרָפָם, [וְעַל־כֵּן נִקְרָא סֵפֶר זֶה, שֶׁהוּא סֵפֶר הַשֵּׁנִי, בְּשֵׁם "סֵפֶר הַנִּשְׂרָף", (עַיֵּן לְעֵיל בְּסִימָן תקפ"ח), כִּי רַבֵּנוּ זַ"ל צִוָּה לְשָׂרְפָם].

סימן תשנז: וְאַחַר־כָּךְ חָזַר רֶבִּי שִׁמְעוֹן אֶל עִיר לֶעמְבֶּרְג לְבַשֵּׂר לְרַבֵּנוּ זַ"ל, שֶׁעָשָׂה שְׁלִיחוּתוֹ. וּכְשֶׁבָּא רֶבִּי שִׁמְעוֹן אֶל רַבֵּנוּ זַ"ל, עָנָה וְאָמַר לוֹ רַבֵּנוּ זַ"ל: "הַסֵּפֶר הַזֶּה, (הַיְנוּ "סֵפֶר הַנִּשְׂרָף"), כְּבָר לֹא יִהְיֶה עוֹד בָּעוֹלָם, אֲבָל הַסֵּפֶר, שֶׁמַּדְפִּיסִים עַכְשָׁו, (הַיְנוּ סֵפֶר לִקּוּטֵי־מוֹהֲרַ"ן), יֻדְפַּס וְיַחֲזֹר וְיֻדְפַּס כַּמָּה וְכַמָּה פְּעָמִים, וַאֲנִי אֶעֱמֹד מִן הַצַּד וְאֶסְתַּכֵּל עַל־זֶה וְכוּ'!" [חֲבָל עַל דְּאָבְדִין, בַּעֲוֹנוֹתֵינוּ הָרַבִּים, עַל הַסֵּפֶר שֶׁנִּשְׂרַף, כִּי זוֹ אֲבֵדָה שֶׁאֵינָהּ חוֹזֶרֶת. וְרַבִּי נָתָן אָמַר: "אִם הַסֵּפֶר הַזֶּה הָיָה מִתְפַּשֵּׁט בָּעוֹלָם, הָיוּ רוֹאִים עַיִן בְּעַיִן גְּדֻלַּת רַבֵּנוּ זַ"ל!"].

## איך וועל שטיין אין די זייט...

האט דער ראש ישיבה שליט"א געזאגט: דער ספר מיינט נישט נאר דער 'ליקוטי מוהר"ן', נאר מיינט אויך די ספרים פון רבי נתן און אלע ספרים און קונטרסים פון מוהרא"ש זכרונו לברכה, און אזוי גייט עס

ווייטער אין יעדן דור, אלע ספרים און דיבורים וואס מען דרוקט פון רבי'נס תלמידים - דאס אלעס איז 'ליקוטי מוהר"ן', ווייל דאס אלעס איז ארויסגענומען פונעם ליקוטי מוהר"ן; דער רבי האט נישט געשריבן דעם ליקוטי מוהר"ן אז מען זאל דאס נישט קענען פארשטיין, דער רבי האט עס געשריבן פאר אונז אז מיר זאלן עס פארשטיין, דאס טוען די הייליגע צדיקים זיי ברענגען עס אראפ נענטער פאר אונז, אז אונז פשוט'ע מענטשן מיט אונזער קליינע שכל זאלן דאס אויך קענען פארשטיין.

דער רבי האט געזאגט: **"דער 'ספר הנשרף' וועט טאקע נישט זיין אויף די וועלט, אבער דער ספר וואס מען דרוקט יעצט, דער ספר ליקוטי מוהר"ן, וועט מען דרוקן און דרוקן גאר אסאך מאל, און איך וועל שטיין אין די זייט און צוקוקן ווי אזוי מען דרוקט עס!"**

ברוך השם אז מיר האבן געבויט א גרויסע בית הדפוס וואו מען דרוקט מיליאנען ספרים א יאר, מען דרוקט דעם רבי'נס ספרים און מען פארשפרייט עס פאר די גאנצע וועלט. ווען מוהרא"ש האט צום ערשטן מאל געזען דעם בית הדפוס איז ער געווען זייער פרייליך, ער האט זיך אנגערופן: "רבי נתן וואלט זיך מחיה געווען צו האבן אזא בית הדפוס"; אז מען קוקט אריין אין 'ימי מוהרנ"ת' זעט מען ווי ר' נתן האט זיך זייער געפלאגט צו דרוקן דעם רבי'נס ספרים, ער האט געדארפט פארן אויף ווייטע פלעצער צו שאפן פאפיר, און אלע אנדערע זאכן וואס מען דארף האבן צו דרוקן א ספר, אבער ברוך השם אז היינט האבן מיר מאשינען וואס דרוקן אפ אין א קורצע צייט הונדערטער קונטרסים.

## עס איז אלעס ווערד

דער הייליגער רבי נתן זכרונו לברכה, ווען ער איז געפארן קיין ארץ ישראל איז ער אנגעקומען קיין מצרים, דארט האט ער מפיץ געווען אפאר ספרים פון רבי'ן; זאגט רבי נתן (ימי מוהרנ"ת חלק שני, אות קטו):

"בִּשְׁבִיל זֶה לְבַד כְּדַאי כָּל הַיִּסּוּרִים וְטִלְטוּלִים שֶׁיֵּשׁ לִי, שֶׁאֲנִי עַכְשָׁו כְּמוֹ בְּגָלוּת מִצְרַיִם, שֶׁאֲנִי נָע וָנָד וּמְטֻלְטָל וּמְבֻלְבָּל בַּאֲלֶכְּסַנְדְּרִיָּא שֶׁל מִצְרַיִם", פאר דעם אליינס איז מיר ווערד געווען אנצוקומען קיין מצרים, דורך גיין די שווערע ביטערע יסורים און די גאנצע שלעפ, "אֲשֶׁר מֵעוֹלָם לֹא עָלָה עַל דַּעְתִּי לִהְיוֹת כָּאן", איך האב נישט געטראכט אז איך וועל אין מיין לעבן אנקומען אין מצרים, "אֲבָל כְּשֶׁאֲנִי זוֹכֶה לְהַזְכִּיר בַּאֲלֶכְּסַנְדְּרִיָּא בַּשּׁוּק שֵׁם הַסֵּפֶר שֶׁל רַבֵּנוּ הַנּוֹרָא זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה", אבער אז איך האב זוכה געווען צו דערמאנען נאר דעם נאמען פונעם ספר ליקוטי מוהר"ן פון הייליגן רבי'ן זכותו יגן עלינו אין גאס אין אלעקסאנדריע, "בִּשְׁבִיל זֶה הַכֹּל כְּדַאי", פארדעם אליינס איז שוין אלעס ווערד, "כְּפִי מַה שֶּׁאֲנִי מַאֲמִין וְיוֹדֵעַ קְצָת גְּדֻלַּת קְדֻשַּׁת נוֹרְאוֹת זֶה הַסֵּפֶר", לויט וויפיל איך ווייס ביי מיר דאס גרויסקייט פון די הייליגע ספרים.

רבי נתן האט געטראפן דארט א איד ר' אהרן, יענער האט געפרעגט רבי נתן אויב ער האט מיט זיך עפעס פרישע ספרים, רבי נתן האט אים געזאגט: "איך האב מיט מיר א נייעם ספר וואס איר האט נאכנישט געזען, דער ספר ליקוטי מוהר"ן"; מיט דעם האט זיך רבי נתן זייער מחי' געווען.

שפעטער שרייבט רבי נתן נאכאמאל (שם, סימן קכה; קכח): "בְּכָל הַדֶּרֶךְ שֶׁהָלַכְתִּי מִסְּטַנְבּוּל לַאֲלֶכְּסַנְדְּרִיָּא הָיָה לִי צַעַר כְּשֶׁזָּכַרְתִּי שֶׁאֲנִי מֻכְרָח עַתָּה לֵילֵךְ לְמִצְרַיִם", עס האט מיר זייער וויי געטון אז איך האב געדארפט אנקומען קיין מצרים; א פלאץ וואס די תורה זאגט (דברים יז, טז): "לֹא תֹסִפוּן לָשׁוּב בַּדֶּרֶךְ הַזֶּה עוֹד", מען זאל נישט צוריק גיין קיין מצרים; מיט דעם פריי איך זיך אז איך האב געקענט זיין ביי איינעם און אים מפיץ זיין די ספרים "לקוטי מוהר"ן" און "ספר המדות", זאגט רבי נתן: "וְזֶה יָקָר בְּעֵינַי מְאֹד שֶׁזָּכִיתִי לְהַשְׁאִיר סִפְרֵי רַבֵּנוּ זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה בִּמְדִינָה רְחוֹקָה כָּזֹאת", דאס איז ביי מיר זייער חשוב, אז איך האב געקענט מפיץ

זיין אין אזא ווייטע מדינה.

## יעדער נעמט די ספרים און קונטרסים

א מפיץ האט מיר דערציילט, אז ער איז געגאנגען ׳הפצה׳ און איז אנגעקומען אין א ישיבה וואס געפונט יעצט אין א קאנטרי, האט זייער ראש ישיבה געזאגט פאר די בחורים: ״לויפט נעמען די ספרים!״ אזאנס האב איך נאכנישט געהערט, א ראש ישיבה זאל זאגן פאר די בחורים זיי זאלן נעמען די ספרים?! מען זעט ווי די ספרים גייען אריין מער און מער אין די וועלט.

אין קאנטרי זענען מענטשן אין א אנדערע גייסט, מענטשן פירן זיך אנדערש ווי א גאנץ יאר, ווייל עס איז ׳וואקאציע צייט׳, דער מח איז אפן; צום ביישפיל, געוויסע מענטשן גייען נישט דורכאויס דעם יאר אנגעטון מיט א פאלע״ר שער״ט (דאס איז א געוויסע סארט העמד) אבער אין קאנטרי גייען זיי יא דערמיט, אדער נאך א ביישפיל, געוויסע מענטשן גייען נישט דורכ׳ן יאר שפאצירן אום שבת אן דעם שטריימל און בעקעטשע, אבער אין קאנטרי גייען זיי יא אזוי, און אזוי איז עס מיט נאך פילצאליגע זאכן וואס מענטשן פירן זיך אין קאנטרי אנדערש, דערפאר איז זייער וויכטיג צו גיין ׳הפצה׳ אין די קאנטריי׳ס ווייל געוויסע מענטשן וואס א גאנץ יאר נעמט ער נישט די ספרים און קונטרסים אבער זומער וועט ער דאס יא נעמען.

און אפילו די וואס פארן נישט ארויס אויף די בערג, נאר זיי פארבלייבן דא אין שטאט במשך די זומער וואכן, דאך הערשט אויך ביי זיי א גייסט פון וואקאציע, די שטאט איז ליידיגער פון מענטשן, אלעס איז רואיגער, דערפאר נעמען זיי אויך זומער ענדערש די ספרים און קונטרסים.

## הפצה פאר יעדן איינעם

ווען מען רעדט פון 'הפצה' טראכטן אסאך מענטשן: "דאס איז נישט געמאכט פאר מיר, איך קען נישט ארומגיין ביי די הייזער און אין בתי מדרשים מיט קונטרסים", דאס איז אבער נישט ריכטיג, עס איז דא גענוג אנדערע וועגן פאר יעדן איינעם צו מאכן הפצה; מען קען רעדן אפילו מיט איין חבר, אים דערציילן פון רבי'ן, זאג אים ווא ער קען הערן די שיעורים פון חיזוק פון רבי'ן, אז דו האסט ברודער'ס און שוואגער'ס, פארוואס זאלן זיי זיך אפמוטשען זייער גאנצע לעבן, דערצייל זיי פון רבי'ן, פון די שיעורים און ספרים פון רבי'ן, פארגין א צווייטער זאל אויך האבן דעם געשמאקן טעם אין לעבן אזוי ווי דיר.

און דער ראש ישיבה שליט"א האט זיך אנגערופן צום אינגערמאן וואס איז עוסק אין מסדר זיין די בריוו פון 'עצתו אמונה' און 'איש אמונות': דער רבי האט געזאגט: "איך וועל שטיין אין די זייט און צוקוקן ווי אזוי מען דרוקט", קומט אויס אז דער רבי שטייט אין די זייט און זעט ווי אזוי דו ביסט עוסק מיט דיין הייליגע ארבעט".

דער אייבערשטער זאל העלפן מיר זאלן פאלגן דעם רבי'ן וועלן מיר האבן א שיינע לעבן, אמן.

## שבת קודש פרשת בהעלותך, שנת תשפ״א לפרט קטן, ביי סעודה שלישית האט דער ראש ישיבה שליט״א פארגעלערנט דעם ספר הקדוש ליקוטי מוהר״ן, חלק ב, סימן קטו.

דער ראש ישיבה שליט״א האט פארגעלערנט אינעווייניג און הערליך אויסגעטייטשט:

״סִפֵּר שֶׁהָיָה לוֹ הִתְחַזְּקוּת גָּדוֹל בַּעֲבוֹדָתוֹ, וְלֹא הִנִּיחַ עַצְמוֹ לְבַלְבֵּל כְּלָל״, דער רבי דערציילט אז ער פלעגט זיך זייער שטארקן צו דינען דעם אייבערשטן, ״וְדַרְכּוֹ הָיָה״, און זיין סדר איז געווען, ״שֶׁהָיָה בּוֹרֵר לוֹ אֵיזֶהוּ דֶּרֶךְ יְשָׁרָה אֵיךְ לְהִתְנַהֵג בַּעֲבוֹדַת הַשֵּׁם״, אז ווען ער האט זיך אויסגעקליבן א וועג צו דינען דעם אייבערשטן, ״וְהִתְחִיל לְהִתְנַהֵג בְּאֵלּוּ הַהַנְהָגוֹת וּבְאוֹתוֹ הַדֶּרֶךְ, שֶׁבָּחַר לוֹ. וְהָיָה מִתְנַהֵג בְּאֵלּוּ הַהַנְהָגוֹת אֵיזֶה זְמַן״, איז ער אנגעגאנגען מיט דעם וועג מיט א שטארקקייט פאר א שטיק צייט, ״וְכָל מַה שֶּׁהָיוּ בָּאִים עָלָיו מַחֲשָׁבוֹת אֲחֵרוֹת לְבַלְבְּלוֹ מֵהַנְהָגָה זֹאת וּלְהִתְנַהֵג בְּדֶרֶךְ אַחֵר״, און אין די צייט האט ער זיך נישט געלאזט פארפירן פון גארנישט, אפילו עס איז אים אריינגעקומען פרישע מחשבות, אז ער דארף אנדערש טון, ״לֹא הָיָה שׁוֹמֵעַ לְאֵלּוּ הַמַּחֲשָׁבוֹת כְּלָל, וְהָיָה דּוֹחֶה אֶת אֵלּוּ הַמַּחֲשָׁבוֹת מִדַּעְתּוֹ, וְלֹא הִנִּיחָם לִכָּנֵס בְּדַעְתּוֹ כְּלָל, רַק הָיָה חָזָק וְאַמִּיץ בְּדַעְתּוֹ מְאֹד, וְהָיָה הוֹלֵךְ וּמִתְנַהֵג בַּדֶּרֶךְ שֶׁבָּחַר לוֹ אֵיזֶה זְמַן״, האט ער זיך בכלל נישט צוגעהערט דערצו, נאר ער איז ווייטער געגאנגען זיין וועג, ער האט זיך נישט געלאזט ווערן מבלבול; ״אַךְ אַחַר־כָּךְ בְּהֶמְשֵׁךְ הַזְּמַן, אַחַר כַּמָּה שָׁבוּעוֹת״, נאך עטליכע וואכן וואס ער האט געדינט דעם אייבערשטן אויף זיין וועג, ״חָזַר וּבָא עַל דַּעְתּוֹ אֵיזֶה מַחֲשָׁבוֹת, שֶׁצָּרִיךְ לְהִתְנַהֵג בְּדֶרֶךְ אַחֵר״, איז אים ווידער אריינגעקומען פרישע מחשבות אז ער דארף אנדערש טון, ״וְאָז, אַחַר שֶׁכְּבָר עָבַר זְמַן אָרֹךְ, אָז יִשֵּׁב עַצְמוֹ וּבָחַר לוֹ אֵיזֶה דֶּרֶךְ וְסֵדֶר אַחֵר, כְּפִי שֶׁהָיָה נִרְאֶה לוֹ אָז״, און דאן וויבאלד

ער האט שוין אנגעהאלטן זיין ערשטע וועג פאר עטליכע וואכן האט ער יא מסכים געווען צו פרובירן א נייע וועג, "אֲבָל לֹא הִנִּיחַ עַצְמוֹ לְבַלְבֵּל בְּכָל פַּעַם מֵעֲבוֹדָה לַעֲבוֹדָה וּמִדֶּרֶךְ זֶה לְדֶרֶךְ אַחֵר", אבער ער האט זיך נישט געלאזט מבלבל זיין יעדעס מאל פון איין עבודה צו א צווייטע עבודה, פון איין וועג צו א צווייטע וועג, "רַק הָיָה חָזָק לֵילֵךְ בְּדֶרֶךְ אֶחָד זְמַן גָּדוֹל כַּנַּ"ל", נאר ער האט אנגעהאלטן יעדע וועג פאר א לענגערע צייט און ערשט נאכדעם האט ער געטוישט צו א צווייטע וועג.

מיט דעם טייטשט מוהרא"ש אויס די וואכעדיגע סדרה, דאס וואס רש"י זאגט אויפ'ן פסוק (במדבר ח, ג): "וַיַּעַשׂ כֵּן אַהֲרֹן", זאגט רש"י: "לְהַגִּיד שִׁבְחוֹ שֶׁל אַהֲרֹן שֶׁלֹּא שִׁנָּה", דאס קומט לויבן אהרן אז ער האט נישט פארענדערט. שטעלן זיך שוין אלע מפרשים וואס איז דאס גרויסקייט פון אהרן הכהן אז ער האט נישט פארענדערט? נאר זאגט מוהרא"ש זכרונו לברכה (זאת התורה בהעלותך, סימן ג) לויט ווי דער הייליגער רבי זאגט דא אז א מענטש דארף זיך זייער שטארקן צו דינען דעם אייבערשטן אז איינמאל ער האט זיך אויסגעקליבן א וועג צו דינען דעם אייבערשטן, דארף ער אנגיין מיט דעם וועג מיט א שטארקקייט פאר א שטיק צייט, און אין די צייט זיך ער נישט לאזן פארפירן פון גארנישט, אפילו עס קומט אריין אין אים פרישע מחשבות אז ער דארף אנדערש טון, זאל ער זיך בכלל נישט צוהערן דערצו, נאר ווייטער גיין זיין וועג, איז דאס דער פשט: "לְהַגִּיד שִׁבְחוֹ שֶׁל אַהֲרֹן שֶׁלֹּא שִׁנָּה", אהרן האט זיך אויסגעקליבן א געוויסע וועג, א געוויסע בחינה, ווי אזוי צו דינען דעם אייבערשטן, ווי אזוי צו צינדן די מנורה, איז ער מיט דעם געגאנגען און נישט פארענדערט צו צינדן די מנורה מיט א אנדערע בחינה.

דאס קומט אונז לערנען, אז מיר זאלן אויך אזוי טון, אויב א איד האט מקבל געווען פון א צדיק א וועג ווי אזוי צו דינען דעם אייבערשטן, אדער ער האט זיך מסדר געווען א סדר היום וואס צו טון במשך דעם

טאג, זיין דאווענען, זיין לערנען וכדומה, זאל ער מיט דעם גיין מיט מסירת נפש ביז'ן סוף, און זיך נישט לאזן פארפירן פון קיין שום מענטש, און אפילו נישט פון אייגענע מחשבות וואס זענען אים מבלבל, און אויף אזא וועג וועט ער זיכער מצליח זיין.

צום ביישפיל, א מענטש מאכט אפ ער וויל דינען דעם אייבערשטן, ער שטעלט אויס א סדר היום, 'אינדערפרי ווען איך שטיי אויף, נאך די מקוה, וועל איך קודם דאווענען שחרית און נאכדעם גיין לערנען', און אזוי פירט ער זיך פאר עטליכע טעג, פלוצלינג קומט אים אריין א פרישע מחשבה ער זאל טוישן צו א אנדערע סדר, 'ער זאל ענדערש קודם לערנען און נאכדעם גיין דאווענען'; אדער א מענטש האט אנגעהויבן א נייע שיעור, א פרישע מסכתא גמרא מיט א פרישקייט, ער האט שוין געלערנט דערין דריי פיר בלאט גמרא, פלוצלינג קומט אים אריין א פרישע מחשבה ער זאל טוישן דעם שיעור אפלאזן דעם גמרא און לערנען משניות... אויף דעם דארפן מיר פאלגן דעם רבי'ן און זיך נישט לאזן פארפירן פון די אלע סארט מחשבות נאר אנהאלטן פאר א לענגערע צייט דעם וועג וואס מען האט אויסגעקליבן.

## די עצה פאר ספיקות

מענטשן דרייען זיך ארום מיט פילע ספקיות אין לעבן, מען ווייסט נישט ווי אזוי זיך צו פירן, וואס יא צו טון און וואס נישט צו טון, ענדליך מען איז ברוך השם אנגעקומען צום הייליגן רבי'ן, וואס געבט אונז אזויפיל עצות און שכל פאר'ן לעבן, צו וויסן ווי אזוי זיך צו פירן, האט מען ווייטער ספיקות, וואס וויל דער רבי? וואס זאל איך טון, לערנען אסאך גמרא און אביסל משניות, אדער אסאך משניות און אביסל גמרא? זיצן פאר מיר און לערנען אדער ארויסגיין העלפן אנדערע? וכו' וכו', אויף דעם איז דא איין עצה, זיך ווענדן צום אייבערשטן, פרעגן דעם אייבערשטן: "הייליגער באשעפער העלף מיר איך וויל וויסן ווי אזוי דיר

צו דינען, זאל איך אזוי טון אדער אזוי טון?״ דורך אסאך 'התבודדות' ווערט די מח אויסגעקלארט און מען ווערט געוואור וואס דער אמת איז, וואס איז ריכטיג צו טון.

און איינמאל מען האט שוין גענומען א וועג צו דינען דעם אייבערשטן דאן טאר מען שוין נישט טוישן צו א צווייטע וועג, מען דארף זיך פירן אויף דעם וועג א לענגערע צייט, ערשט נאכדעם אז עס קומט נאכאמאל אריין אין מחשבה צו טוישן צו א צווייטע וועג מאכט מען נאכאמאל 'התבודדות', מען שמועסט עס נאכאמאל אויס מיט'ן אייבערשטן, און אז נאך די התבודדות קומט אויס צו טוישן דאן קען מען טוישן צו א צווייטע וועג.

## כאפ אריין עפעס גוטס

א מענטש דארף זיך צוגעוואוינען אריינצוכאפן יעדע מינוט עפעס גוטס, האסט יעצט איין מינוט, א האלבע מינוט, ניץ עס אויס פאר'ן אייבערשטן, רעד יעצט צום אייבערשטן, 'אבער איך וויל באלד אסאך רעדן צום אייבערשטן' זייער פיין, באלד זאלסטו טאקע אסאך רעדן צום אייבערשטן, אבער יעצט כאפ ארויס וואס דו קענסט יעצט; כאפ אריין א פרק משניות, טראכט נישט 'באלד וועל איך שוין לערנען אסאך משניות', נאר לערן יעצט וויפיל דו קענסט יעצט, און באלד וועסטו אויך לערנען; כאפ אריין אביסל התבודדות, אביסל משניות, אביסל גמרא, באלד וועסטו טון אסאך אבער יעצט טו אביסל.

דער אייבערשטער זאל העלפן מיר זאלן פאלגן דעם רבי'ן וועלן מיר האבן א שיינע לעבן, אמן.